בס"ד

# עונג יום טוב

## יום הקדוש תשס"ט

גוט יום טוב און א גמר חתימה טובה אלע אידן. אין די שווערע יארן פון דעם ערשטען וועלט מלחמה, איז די רוסישע ארמיי אריינגעקומען אין דעם שטאט סטוטשין, פולין, א שטאט וואס האט געהאט א אידישע קהילה און א ישיבה. דער ראש ישיבה איז דעמאלט געווען ר' לייב חאסמאן ז"ל, וואס וועט יארן שפעטער ווערן דער משגיח פון ישיבת חברון אין א"י.

די אידן אין שטאט האט מורא געהאט פון די רוסישע מיליטער, ווייל עס איז געווען באקאנט ביי די אידן ווי אזוי די רוסישע רשעים פלעגן זיך האנדלען מיט אידן, בפרט פרומע אידן. וועגן דעם, זענען אסאך אידן אנטלאפן פון דעם שטאט. עס איז אבער געבליבן א צאל פון אידן אין שטאט.

עס איז געווען ערב יום כיפור, און איינער פון די ישיבה בחורים, א בחור מיט'ן נאמען "חזקל", איז געגאנגען אויפ'ן גאס ווען פלוצלינג איז צוגעקומען צו אים א רוסישע סאלדאט. דער סאלדאט האט אנגעהויבן צו רעדן אידיש. חזקל האט נישט געגלייבט וואס ער הערט ווייל דער סאלדאט האט נישט אויסגעקוקט ווי א איד. דער אידישע סאלדאט האט גערעדט מיט א נידריגע קול כדי קיינער זאל נישט הערן. "דו קוקסט אויס ווי א ישיבה בחור, איך קען זיך פארלאזן אויף דיר." האט דער סאלדאט געזאגט פאר חזקל.

"וואס ווילסטו פון מיר?" האט חזקל געזאגט מיט אן ערשטוינקייט. "הער צו, ביטע. אסאך אידן אזוי ווי מיך, זענען ליידער געכאפט געווארן דורך די רוסישע און געצווינגען צו דינען אין דעם מיליטער. עס איז שטארק פארבאטן צו טון מצות אין דעם מיליטער, און זיי לאזן נישט אפילו עסן כשר, און זיי טון אלעס כדי אונז אוועקצורייסן פון אידישקייט. מיר (אלע אידישע סאלדאטן) זענען אלע דא אין א ארמיי לאגער לעבן סטוטשין. מיר האבן יעצט געהערט אז אונזער גאנצע טייל פון סאלדאטן גייט מארגן אוועקפארן פון דא און פארן צו א נייע לאגער ערגעץ אנדערש. יעצט זענען די גענעראלן אזוי פארנומען אז זיי געבן נישט אכטונג אויף אונז. וועגן דעם, מיינען מיר אז יעצט האבן מיר דעם געלעגנהייט צו אנטלויפן פון דעם ארמיי. אבער, כדי צו אנטלויפן, דארפן מיר א פאר זאכן. איינס, דארפן מיר א פלאץ זיך צו באהאלטן ביז די גאנצע טייל פון סאלדאטן וועט מארגן אוועקגיין. צווייטענס, דארפן מיר אויך זיבעצען סעטס פון נארמאלע קליידער, כדי קיינער זאל אונז נישט דערקענען אלס סאלדאטן, ווייל מיר האבן יעצט נאר די בגדים פון סאלדאטן. אויב מיר קענען טוישן קליידער און זיך באהאלטן און א גוטע פלאץ, דעמאלט קענען מיר אי"ה אנטלויפן סוף כל סוף פון דעם גיהינום און צוריק פארן צו אונזערע משפחה צו זיין מיט זיי אויף סוכות!

חזקל האט צוגעהערט אלעס און ער האט געטראכט אז יעצט האט ער דעם געלעגנהייט צו מקיים זיין זיבעצעטן מאל די מצוה פון פדיון שבוים! ער האט געזאגט פאר'ן סאלדאט אז ער איז מסכים צו העלפן וויפיל עס איז שייך. אבער, זיי האבן נישט געהאט קיין סאך צייט, ווייל עס איז געווען ערב יום קדוש און ער האט געהאט אסאך צו טון כדי צו ראטעווען די אידישע סאלדאטן.

זיי האבן דורך געשמועסט א פלאן: ביי נאכט, וועלן די 17 סאלדאטן אנטלויפן איינס אויף אמאל, פון דעם לאגער, און קומען צו דער עזרת נשים פון א געוויסן שול, דעם "הלוית המת שול", וואס איז געליגן לעבן דעם בית החיים אין דרויסן פון שטאט. דארט איז א שטילע פלאץ וואו קיינער וועט נישט זעהן ווען 17 סאלדאטן וועלן אריינגיין אין מיט'ן דער נאכט.

יעצט האט חזקל געדארפט ערלעדיגען קליידער פאר יעדען סאלדאט. דאס איז נישט געווען קיין גרינגער ארבעט, ווייל חזקל האט אפילו נישט געוואוסט ווי גרויס אדער קליין די סאלדאטן זענען. דורך דעם גאנצן נאכמיטאג ערב יום קדוש איז ער ארומגעלאפן זוכן קליידער פאר יעדעם איינעם. חזקל איז געווען אזוי פארנומען מיט צוזאמענעמען די קליידער אז ער האט נישט געהאט קיין צייט צו עסן. ער איז שוין געווען הונגעריג אפילו בעפאר יום כיפור האט זיך אנגעהויבן!

נאך די שקיעה, איז חזקל געקומען צו דעם עזרת נשים פון דעם "הלוית המת שול." ער האט געטראפן 16 סאלדאטן. ווייל איינער פון די סאלדאטן האט געהאט א משפחה אין סטוטשין, וועגן דעם איז ער גלייך אנטלאפן צו זיין טאטע און מאמע. חזקל איז געווען אויסגעמוטשעט מיד, און יעצט אז ער האט געזען אז די סאלדאטן זענען געווען ערלעדיגט, האט ער געוואלט אהיימגיין כדי צו דאווענען. אבער, די סאלדאטן, אפילו זיי זענען געווען סאלדאטן, האבן מורא געהאט צו זיין אין אזא פלאץ לעבן דער בית החיים ביי נאכט. חזקל האט רחמנות געהאט אויף זיי און ער איז מסכים געווען צו בלייבן מיט זיי דורך דער נאכט. צוזאמען, חזקל מיט די סאלדאטן האבן פראבירט צו זאגן "כל נדרי" וויפיל זיי האבן געדענקט אויסערוועגדיג, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין מחזורים. נאכדעם האבן זיי געדאווענט מעריב און רוב פון די סאלדאטן זענען איינשלאפן.

בערך א שעה שפעטער, דאס שטילקייט פון דער נאכט איז געבראכען געווארן ווען זיי האבן פלוצלינג געהערט קולות פון א פרוי וואס האט געשריגן. די סאלדאטן האבן געציטערט פון פחד! די סאלדאטן האבן ממנה געווען חזקל צו זען וואס טוט זיך אין דרויסן. חזקל האט געזען רוסישע סאלדאטן שלעפן דעם זיבצענטען אידישן סאלדאט, דער וואס האט געוואלט גלייך אנטלויפן צו זיינע עלטערן, וואס האבן געוואוינט אין שטאט. די מאמע פון דעם אידישען סאלדאט האט געשריגן און געוויינט אז די רוסישע זאלן גאר נישט טון צו איר זון. דער מצב האט נישט אויסגעקוקט אזוי גוט, ווייל די ווילדע רוסישע זענען געווען גרייט צו הרג'נען די מאמע אויך, רח"ל. חזקל איז צוריקגעקומען צו די סאלדאטן און ער האט זיי געזאגט וואס ער האט געזען. אלע האבן זייער מורא געהאט אז די רוסישע וועלן זיי אויך כאפן.

חזקל האט זיך מיישב געווען אז ער דארפט שנעל באהאלטן די אלע קליידער פון די סאלדאטן, כדי זיי זאלן קענען שפעטער אנטלויפן אן נישט איבערלאזן קיין רמז פון זיי. חזקל האט זיך דערמאנט וועגן א אלטע מנהג צווישן די אידן אין סטוטשין. פאר א סגולה פאר אריכת ימים, פלעגן זיי קויפן א קבר און עס באגראבן און עס לאזן אפען. חזקל האט געטראגן די קליידער צו דער בית החיים (עס איז געווען פיקוח נפש), ער האט געטראפן א ליידיגע קבר און ער האט צוביסלעך אריינגעלעגט די קליידער אין דעם קבר. ער האט געדארפט גיין אפאר מאל אהין און צוריק כדי צו ברענגען אלע קליידער.

פלוצלינג, האט חזקל געהערט פיסטריט פון סאלדאטן. ער האט דערקענט פון ווייטענס אז רוסישע סאלדאטן זענען געקומען צו אים אויף פערד. ער האט געטראכט אז "היינט איז יום כיפור, די הייליגסטע טאג פון יאר. איך בין נאך נישט קיין 20 יאר וועגן דעם בין איך נישט קיין בר–עונשין, אויב איך מוז שטארבן על קידוש ה', איז יום כיפור די בעסטע טאג צו שטארבן." ער האט אנגעהויבן צו אנטלויפן און אויפ'ן וועג האט ער געזאגט וידוי: "מודה אני... "

פלוצלינג האט ער געהערט א שריי אין רוסיש: "שטוי... (האלט!)" חזקל איז אראפגעפאלן און ער האט זיך באהאלטן לעבן א בוים "תהיה מיתתי כפרה..." האט ער געזאגט ווייטער די נוסח פון וידוי. דאן האבן די רוסישע סאלדאטן אנגעהויבן צו שיסן. די קוילן זענען געפליגן ארום חזקל, אבער ב"ה קיינע איז נישט אנגעקומען צו אים. דאן זענען די רוסישע סאלדאטן אנגעקומען צו אים. חזקל האט געמיינט אז זיין סוף איז אנגעקומען, "אשמנו, בגדנו..."

פאר מיר גייען ענדיגען דער מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון דער מעשה וואס האבן א שייכות מיט ענינים פון יום קדוש. וויפיל מאל האבן מיר געזאגט וידוי אין די לעצטע פאר וואכן? וויפיל האבן מיר מכוון געווען אין די ווערטער וואס מיר האבן געזאגט? זאגט דער רמב"ם "כל המתודה בדברים ולא גמר בלבו לעזוב הרי זה דומה לטובל ושרץ בידו..." (הלכות תשובה פרק ב,ג) איז לאמיר יעצט ענדיגען דער מעשה וואס ווייזט אויף איין איד'ס עבודת ה' אין יום קדוש.

חזקל האט אנגעהויבן צו רעדן צו דעם רוסישע גענעראל אין די ביסל רוסיש וואס ער האט געקענט רעדן. חזקל האט שנעל אפגעמאכט א מעשה און ער האט עס דערציילט פאר'ן גענעראל: "היינט נאכט איז יום כיפור, און ליידער איז א יונג קינד נפטר געווארן אין שטאט. דער מאמע פון דעם קינד האט געבעטן פון מיר אז איך זאל איר קינד באגראבן דא אין בית החיים. איך האב מסכים געווען און איך האב געטראגן דעם קינד צו דער בית החיים כדי אים צו באגראבן. אויב איר ווילט זען, קען איך אייך יעצט ווייזן דעם קבר."

"בסדר," האט דער רוסישע גענעראל געענטפערט, און זיי האבן אנגעהויבן צו גיין צוריק צו דעם בית החיים. פלוצלינג, האט דער רוסישער גענעראל אפגעשטעלט זיין פערד, און ער האט געזאגט פאר חזקל. "איך האלט דא א שווערד, טאמער דו זאגסט ליגן, גיי איך דיך שניידן אויף שטיקער..." חזקל האט זיך נישט דערשראקן, נאר, ער האט געזאגט פאר דעם גענעראל "קומט מיט מיר, איך גיי אייך ווייזן וואו דאס קינד ליגט..."

זיי זענען געגאנגען נאך אפאר פיס און דאן האט דער רוסישער גענעראל זיך נאכאמאל אפגעשטעלט און געזאגט פאר חזקל: "דו ווייסט וואס? דו ביסט א 'מאלאדעץ' (א גיבור) אויב דו האסט דאס קוראדזש צו קומען דא אין מיט'ן דער נאכט צו באגראבן א קינד אין מיט'ן א מלחמה, דאן בין איך דיך מכבד, און איך גיי דיך אפלאזן." מיט די ווערטער, האט דער רוסישער גענעראל געפיפען מיט זיין פייפער און איינער פון די סאלדאטן האט גענומען חזקל אויף זיין פערד, און זיי האבן אים אהיימגענומען צו זיין טאטענ'ס הויז אין סטוטשין. עס איז שוין געווען באלד פאר טאגס. 7 אזייגער אינדערפרי האט ער געהערט אז די גאנצע רוסישע ארמיי לאגער פארט אוועק פון שטאט. ביז 9 אזייגער זענען די גאנצע טייל פון רוסישע סאלדאטן ימ"ש אוועקגעפארן. חזקל איז שנעל געגאנגען צו דעם "הלוית המת שול" וואו ער האט געטראפן די 16 סאלדאטן. די סאלדאטן זענען אלע געגאנגען אין שול וואו זיי האבן געדאווענט א דערהויבענע יום כיפור דאווענען! דאן זענען אלע אהיימגעפארן צו פארשידענע שטעטלעך כדי צו זיין מיט זייערע משפחות נאך אמאל, נאך אזוי סאך יארן פון זיין אין דעם מיליטער.

איז לאמיר אריינכאפן דעם געוואלדיגן געלעגנהייט וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן און אויסניצן דעם טאג צו זאגן וידוי ווי עס דארף צו זיין און צו טון תשובה כדי צו אנהייבן א נייע יאר מיט ריינע נשמות. גוט יום טוב און א גמר חתימה טובה אלע אידן.

**<u>מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת הנינים אצל נכדו הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א וחתן הרה"צ רבי יצחק שליט"א, ואצל נכדו הרה"צ רבי יצחק שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א</u>**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים

לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. לע"נ ר' אברהם בן ר' ישכר דוב ע"ה

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**מבצע חדש לשנה החדשה: נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :<u>לייג צוריק די ספרים!</u>**